ולמטה מעשרה טפחים בעוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, אין אן אופן פון "טאפארו דא פלאחו", אזוי ווי עס דארף זיין מעשה האדם בפועל, "טאפארו דא פלאחו".

ובמהרה בימינו ממש.

* * *

כד. מאמר (כעין שיחה) ד"ה אני הנה בריתי אתך גו'.

* * *

כה. ס'איז אויך רגיל אפצולערנען א פסוק פון פרשת השבוע מיט פירוש רש"י, און אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו.

אין פרשתנו קאפיטל יז פסוק ה שטייט אז דער אויבערשטער זאגט צו אברם: "ולא יקרא עוד שמך אברם והי' שמך אברהם כי אב המון גוים נתתיך".

איז רש"י מעתיק פון פסוק "כי אב המון גוים" (אויך דעם ווארט "כי", ווייל פירושו איז פארבונדן מיטן טעם פארוואס ער ווערט איצטער אנגערופן "אברהם" – "כי אב המון גוים"), און איז מפרש: "לשון נוטריקון של שמו, ורי"ש שהיתה בו בתחלה שלא הי' אב אלא לארם שהוא מקומו ועכשיו אב לכל העולם. ואפילו רי"ש שהיתה בו מתחלה לא זזה ממקומה, שאף יו"ד של שרי נתרעמה על השכינה עד שהוסיפה ליהושע שנאמר[86] ויקרא משה להושע בן נון יהושע".

דארף מען פארשטיין:

א) ס'איז פארשטאנדיק בפשטות אפילו בשכל פון א בן חמש למקרא, אז אויב מ'נעמט צו אן אות פון א שם של צדיק, האט דער אות תרעומות – איז פארוואס דארף רש"י ברענגען א ראי' אז דער רי"ש פון אברהם דארף בלייבן (ווייל אויב ניט וואלט דער רי"ש געהאט תרעומות) פון א צווייטן ארט, פון דער יו"ד פון "שרי"?

ב) נאכמער: די ראי' וואס רש"י ברענגט פון די תרעומות פון דעם יו"ד של "שרי" אז דער רי"ש של "אברם" דארף בלייבן – איז לכאורה גאר א ראי' לסתור:

דעם יו"ד פון "שרי" האט מען בפועל אוועקגענומען פון שם "שרה", און מ'האט אים ערשט אומגעקערט הונדערטער יארן

---

86) שלח יג, טז.



SichosKodesh.com

שפעטער צו "יהושע", נאכמער: שינוי שם שרה און שינוי שם יהושע זיינען געווען אין צוויי באזונדערע תקופות (הנהגות, מדות; אלף שנה)*: שינוי שם שרה איז געווען בהזמן דקודם גלות מצרים, אבער נאך גזירת בין הבתרים אויפ'ן גלות, און שינוי שם יהושע - בקשר** מיט ביאת הארץ; היינט וואס איז דאס פאר א ראי' צו דעם רי"ש פון "אברם" וואס "לא זזה ממקומה" בשם "אברהם"?!

ג) אין דער ראי' וואס רש"י ברענגט פון "שרי" שרייבט ער "שאף יו"ד של שרי נתרעמה כו'". וואס דער "אף" באדייט בפשטות אז בא דעם יו"ד פון "שרי" איז דא ווייניקער טעם פארוואס ער זאל האבן תרעומות ווי די תרעומות וואס דער רי"ש פון "אברם" וואלט געדארפט האבן אויב מ'וואלט אים צוגענומען. איז ניט מובן: דער טעם אויף די תרעומות פון דעם רי"ש און יו"ד איז לכאורה די זעלבע - ווייל מ'נעמט צו אן אות פון א שם צדיק - איז פארוואס שרייבט רש"י "שאף יו"ד של שרי נתרעמה כו'", כאילו ווי דער יו"ד האט ווייניקער טעם אויף תרעומות?!

ד) רש"י זאגט א פירוש נאר וואו מ'דארף צו אים אנקומען, און אויב דער ענין איז מובן בפשטות איז דאס רש"י ניט מפרש [ווי עס שטייט גאר אין הלכה: דער אלטער רבי שרייבט בשו"ע שלו סימן רפ"ה אין קונטרס אחרון, אז עס זיינען פאראן פסוקים וואס "רש"י אינו מפרש מחמת פשיטותם, וכן בכל פסוק יש כמה וכמה תיבות שאין עליהם פרש"י לפי שא"צ"]. אבער אן ענין וואס פאדערט א פירוש, איז דאס רש"י מפרש צום ערשטן מאל.

עפ"ז, וויבאלד אז רש"י איז מפרש בפסוק זה דעם טעם אויף שם "אברם", ווייל ער איז געווען אן "אב" צו "ארם", איז מובן לכאורה אז דאס איז אן ענין המוכרח ע"ד הפשט. היינט פארוואס ווארט רש"י דאס צו מפרש זיין ביז צו אונזער פסוק און האט עס ניט מפרש געווען פאר דעם בן חמש דעם ערשטן מאל וואו ער האט געלערנט וועגן דעם נאמען "אברם"?

וואס די אלע דיוקים דארפן זיין פארשטאנדיק פארן בן חמש בפשטות פון זיך אליין. וכפי שיתבאר לקמן.

---

*) ולהעיר מרמב"ן (בראשית ב, ג) שתקופות שונות קשורות עם אלף שנה שונים (שית אלפי שנין דהוי עלמא), ע"ד ששת ימי בראשית ששת מדות - וידוע אשר כל מדה (ותקופה) כלולה מכל המדות, וכנראה במוחש אשר בכל אלף שנה דהנ"ל - היו כמה שינוים, ובנדו"ד (אלף השלישי) גלות מצרים (גבורה שבו) וביאת הארץ (חסד שבו) - ובסגנון הרמב"ן: כל אלף כלול מכל ששת האלפים, וגלות מצרים וביאת הארץ - הם ב"אלף" שונה שבאלף השלישי עצמו.

**) שלא יכשל בעצת מרגלים - ויכניס את בנ"י לארץ.

הגדולה בגלות זה האחרון, וירידה צורך עלי׳ – וועט צוקומען אן עילוי גדול אין דער עלי׳ לרגל לע״ל לגבי דער עלי׳ לרגל ווי זי איז געווען בבית ראשון ובית שני: דעמולט איז די עלי׳ לרגל געווען נאר שלש פעמים בשנה (בהשלש רגלים), משא״כ לע״ל האט מען די הבטחה אז "והי׳ מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבוא כל בשר להשתחוות לפני"[124], עלי׳ לרגל בכל חודש וחודש ובכל שבת ושבת[125],

ובמהרה בימינו ממש.

* * *

לג. דער ביאור בפרש״י:

כמדובר כמ״פ, יעדער ווארט פון פסוק וואס רש״י איז מעתיק אין א דיבור המתחיל פון פירושו איז בדיוק. אזוי אויך אין אונזער פסוק וואו רש״י איז מעתיק די ווערטער "כי אב המון גוים":

פון איין זייט איז רש״י מעתיק אויך דעם ווארט "כי", ולאידך – איז ער ניט מעתיק דעם לעצטן ווארט פון פסוק "נתתיך" (און איז דערויף אפילו ניט מרמז מיט א "וגו׳"), ווייל: "נתתיך" איז כלל ניט נוגע צו זיין פירוש (וואס ער וועט זאגן ווייטער), משא״כ "כי" (דער טעם פארוואס אברם ווערט איצטער אנגערופן "אברהם") איז נוגע צו זיין פירוש, ואדרבה: אויף דעם איז מיוסד זיין גאנצער פירוש:

ווען דער בן חמש האט פריער געלערנט אז זיין נאמען איז "אברם" איז רש״י ניט מפרש דעם טעם פארוואס ער ווערט אזוי גערופן – ווייל ענינו של רש״י איז פשוטו של מקרא, און ע״פ פשש״מ איז ניטא קיין הכרח צו מפרש זיין א טעם אויף יעדן נאמען אין תורה.

ווי מ׳זעט טאקע פריער ביי כמה שמות וואס שטייען אין תורה און רש״י איז ניט מפרש דעם טעם על שמם, סיידן ווען ע״פ פשש״מ האט מיט יענעם מענטשן אדער בשייכות אליו געטראפן א מאורע מיוחד וואס איז געווען די סיבה על שמו – ע״ד ווי בא קין[126], שת[127] און נח[128] וכו׳ וואס עס שטייט א טעם אין תורה פארוואס זיי ווערן אזוי אנגערופן; אבער בא הבל (כאטש ער איז אחיו של קין) און מתושלח (כאטש ער איז געווען א צדיק גדול, ווי דער בן חמש

---

124) שם סו, כג. 125) פסיקתא רבתי פ׳ שבת ור״ח (ג). יל״ש ישעי׳ רמז תקג. וראה ד״ה והי׳ מדי חודש גו׳ דש״פ נח ש.ז. 126) בראשית ד, א. 127) שם, כה. 128) שם ה, כח.

האט פריער געלערנט אין רש"י*127) – שטייט ניט קיין טעם על שמם.

בשעת אבער מ'קומט צו אונזער פסוק בפרשתנו און תורה אליין זאגט "ולא יקרא עוד את שמך אברם והי' שמך אברהם כי אב המון גוים נתתיך", זאגט דאך דער פסוק אליין אז דער טעם אויף שמו איז ווייל ("כי") "אב המון גוים נתתיך".

דעריבער איז רש"י מפרש ווי איז "אב המון גוים" א טעם אויף דעם שם "אברהם": "כי אב המון גוים – לשון נוטריקון של שמו", "אב המון גוים" איז דער ר"ת פון אברהם. בכלל איז נוטריקון ניט קיין לימוד ע"ד הפשט, אבער וויבאלד אז דא איז מוכרח פון פסוק אליין ("כי") אז "אב המון גוים" איז דער טעם על שמו – איז דער נוטריקון בפסוק זה ע"ד הפשט.

און וויבאלד אז פון דעם פסוק דא איז מוכרח אז אברהם איז אזא מענטש וואס שמו איז פארבונדן מיט א טעם (משא"כ ווען עס שטייט פריער "אברם", ועד"ז שם הבל ומתושלח ושאר השמות בתורה וואו ס'איז ניטא קיין הכרח ע"ד הפשט אז שמם איז פארבונדן מיט א טעם) "כי אב המון גוים נתתיך" – איז מסתבר זאגן אז אויך דער נאמען "אברם" (וואס איז דומה צו "אברהם" נאר חסר ה"א) וואס ער האט פריער געהאט האט א טעם, ווייל אויב ניט – וואס "טשעפעט" צו דער פסוק א טעם דוקא צום שם "אברהם"?!

דעריבער איז רש"י ממשיך ומסביר דעם טעם אויף שם "אברם": "וריש שהיתה בו בתחלה (וואס דערפאר האט ער געהייסן "אברם") – שלא הי' אב אלא לארם". וואס "אברם" איז נוטריקון פון "אב" און "ארם".

וואס איז די שייכות פון "ארם" מיט "אברם", אז דוקא אויף "ארם" איז ער געווען אן "אב"? זאגט רש"י: "שהוא מקומו".

און דאס וואס מ'האט געביטן זיין נאמען פון "אברם" צו "אברהם" איז ווייל "עכשיו אב לכל העולם", "אב המון גוים", וואס "לכל העולם" איז ניט שייך מחלק זיין ממקום אחד למקום שני (ניט ווי ס'איז געווען פריער ביי "אברם" אז "לא הי' אב אלא לארם שהוא מקומו").

וואס דערמיט ענדיקט זיך איין ענין אין דעם פירוש רש"י.

לד. דערנאך הויבט רש"י אן נאך אן ענין: "ואפילו רי"ש שהיתה בו מתחלה לא זזה ממקומה":

ע"פ הנ"ל אז שמו איז געביטן געווארן פון "אברם" צו "אברהם" ווייל פריער "לא הי' אב אלא לארם שהוא מקומו ועכשיו אב לכל העולם" – איז ניט מובן פארוואס איז געבליבן דער רי"ש

---

*127) נח ז, ד.


SichosKodesh.com

פון ״ארם״ אין דעם נאמען ״אברהם״: וויבאלד אז ״אברהם״ איז איצטער ״אב לכל העולם״, ״אב המון גוים״, איז אין דעם אויך כלול (במכ״ש וק״ו) ארם, וואס ״ארם״ איז בלויז איין מקום בכל העולם, ד.ה. דער רי״ש פון ״ארם״ איז כלול (בכלל מאתיים מנה) אין דעם ה״א פון ״המון גוים״ (כל העולם), און מ׳דארף עס ניט מפרט זיין, פונקט ווי מ׳איז ניט מפרט שאר מקומות העולם (ניט ווי שם ״אברם״ ווען ״לא הי׳ אב אלא לארם״) – היינט פארוואס איז געבליבן דער רי״ש (פון ״ארם״) בשם ״אברהם״?!

וואס די קשיא איז רש״י מרמז מיט די ווערטער: ״ואפילו רי״ש שהיתה בו מתחלה לא זזה ממקומה״. וואס דערביי זעט מען דיוק הנפלא פון פרש״י:

דער לשון ״לא זזה ממקומה״ איז בלתי רגילה, ער האט געדארפט שרייבן ״לא ניטלה״ וכיו״ב. נאר דער פירוש אין דעם איז: בשעת מ׳זאגט ״ניטלה״ מיינט עס אז מ׳האט איגאנצן צוגענומען דעם אות פון דעם נאמען. אבער בנדו״ד בשם ״אברהם״, איז אפילו אויב עס וואלט ניט געווען דער רי״ש אין דעם נאמען, וואלט ניט געווען שייך זאגן אז ״ניטלה״ הרי״ש, ווייל דער רי״ש פון ״ארם״ איז כלול אין דעם ה״א פון ״המון גוים״, דעריבער זאגט רש״י אז ״אפילו רי״ש שהיתה בו מתחלה לא זזה ממקומה״, אז ס׳איז געבליבן במקומו א רי״ש בפ״ע (ניט ווי ער איז כלול אין דעם ה״א).

איז די שאלה (כנ״ל) – פארוואס איז געבליבן דער רי״ש (פון ״ארם״), בשעת ער איז איצטער כלול אין דעם ה״א (פון ״המון גוים״)?

ענטפערט רש״י: ״שאף יו״ד של שרי נתרעמה כו׳ [ווי דער בן חמש וועט לערנען עטלעכע פסוקים ווייטער אז מ׳האט געביטן איר נאמען פון ״שרי״ אויף ״שרה״, איז ניט געבליבן דער יו״ד, במילא איז דער יו״ד נתרעמה] עד שהוסיפה ליהושע שנאמר ויקרא משה להושע בן נון יהושע״.

ד.ה. מה־דאך אז דער יו״ד פון ״שרי״, וואס האט געהאט ווייניקער טעם צו בלייבן בשם ״שרה״ (כמובן דערפון וואס רש״י שרייבט ״שאף יו״ד של שרי כו׳״), אעפ״כ איז דער יו״ד נתרעמה ״עד שהוסיפה ליהושע״, איז במכ״ש וק״ו אז דער רי״ש פון ״אברם״, וואס האט מער ארט צו בלייבן ווי דער יו״ד פון ״שרי״, דארף בלייבן בשם ״אברהם״. והביאור בזה:

פארוואס זאגט טאקע רש״י ״שאף יו״ד של שרי נתרעמה כו׳״, אז דער יו״ד פון ״שרי״ האט ווייניקער טעם אויף תרעומות ווי דער רי״ש פון ״אברם״ – דלכאורה האט ער נאכמער טענה ווי דער רי״ש וואלט געהאט אויב מ׳וואלט אים צוגענומען פון ״אברם״:

הנחת הת׳ בלתי מוגה

אויף שינוי שם "שרי" צו "שרה", "לא תקרא את שמה שרי כי שרה שמה", איז רש"י מפרש[129]: "שמשמע שרי (לשון שררה) לי ולא לאחרים כי שרה סתם שמה שתהא שרה על כל".

לפי"ז איז מובן אז בשעת "שרי" נקראה "שרה" – קען דער יו"ד האבן א שטארקערע תרעומות ווי דער רי"ש פון "אברם" וואלט געקענט האבן אויב מ'וואלט אים ניט געלזאגט אין שם "אברהם":

אפילו אויב דער רי"ש פון "אברם" (וואס ווייזט אז ער איז "אב לארם") וואלט מען צוגענומען ("וזה ממקומה") – וואלט ניט געפעלט דער פירוש אז "אברהם" איז "אב" אויך "לארם", ווייל אין "אב המון גוים" "אב לכל העולם", איז כלול אויך אז ער איז "אב לארם";

משא"כ בשעת "שרי", "שרי לי", ווערט "שרה לכל" – קען דער יו"ד קומען מיט תרעומות אז איצטער (בשעת זי הייסט "שרה") איז זי טאקע "שרה על כל", אבער ניט "שרי לי", ווייל ס'איז דא א סברא זאגן, אז היות אברהם איז געווען עלטער פאר שרה'ן, און דעמולט (בשעת "שרי" נקראה שרה") איז געווארן אן עילוי אין "אברהם", ער איז געווארן "אב המון גוים" וכו' – פאסט מער דעמולט ניט זאגן אז "שרי לי".

זעט מען דערפון אז דער יו"ד פון "שרי" קען האבן שטארקערע תרעומות ווי דער רי"ש פון "אברם" וואלט געהאט. היינט פארוואס זאגט רש"י "שאף יו"ד של שרי נתרעמה", וואס מיינט אז דער יו"ד האט ווייניקער טעם אויף תרעומות ווי דער רי"ש?!

איז דער ביאור בזה אז היא הנותנת:

בשעת "שרי" נקראה "שרה" איז טאקע מערניט שייך זאגן אז זי איז "שרי לי", ווייל דעמולט איז אויך אברהם עלטער ונתעלה געווארן לגבי מצבו לפנ"ז, ובכלל איז ער צוגעקומען צו א דרגא חדשה (נוסף לזה וואס ער איז געווען עלטער פאר שרה'ן) – כמובן דערפון וואס מ'האט געלערנט פריער, ועאכו"כ וואס מ'וועט לערנען ווייטער וועגן דרגת אברהם: דער אויבערשטער האט אים דעמולט געזאגט "אני הנה בריתי אתך", און ער איז געווארן "אב המון גוים", וואס בכללות איז דאס פארבונדן מיט דער שלימות וואס איז צוגעקומען ביי אברהם אבינו ע"י ברית מילה, דורך דעם וואס ער איז געווארן א "תמים"[130]; און ווייטער וועט מען לערנען אז "ותצחק שרה (דוקא) בקרבה", משא"כ אברהם, און אז אויף אברהם שטייט[130*] "נשיא אלקים אתה בתוכנו" וכו'; נוסף לכללות הענין

129) יז, טו. 130) פרשתנו יז, א ובפרש"י. 130*) חיי שרה כג, ו.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

וואס דער בן חמש האט שוין געלערנט בנוגע ליחס איש ואשתו אז "והוא ימשול בך"[131] – במילא איז דעמולט ניט שייך זאגן אז "שרה" איז אויך "שרי לי".

ד.ה. פריער איז טאקע געווען א מצב אז זי איז געווען "שרי לי", אבער ווען אברהם איז נתעלה געווארן העכער און אין אים זיינען געווארן ענינים חדשים ונעלים – קען מען עס ניט זאגן.

דערפון איז מובן אז בשעת "שרי" איז געווארן "שרה" איז דאס אינגאנצן אנדעש פון דעם וואס "אברם" איז געווארן "אברהם":

בשעת "שרי", על של שם "שרי לי", איז געווארן "שרה לכל" – פאלט אראפ דער פירוש פון "שרי לי"; משא"כ בשעת "אברם" איז געווארן "אברהם" על שם "אב המון גוים" "אב לכל העולם", איז בדרך ממילא מובן ופשוט אז ער איז אויך אן "אב לארם".

עפ"ז איז מובן פארוואס דער יו"ד פון "שרי" האט ווייניקער טעם אויף תרעומות ווי דער רי"ש פון "אברם": דער יו"ד פון "שרי" (וואס ווייזט אויף "שר לי") קען ניט האבן קיין תרעומות פארוואס מ'נעמט אים צו פון "שרי" בשעת זי ווערט "שרה לכל", ווייל דעמולט פאסט מערניט זאגן "שר לי". די איינציקע סיבה פארוואס ער קען מתרעם זיין איז וואס ער האט מער ניט קיין שייכות מיט א צדקנית. משא"כ "אב לארם" איז אויך געווען בשעת ער איז געווארן "אברהם", במילא האט דער רי"ש אן אָרט צו זיין אין "אברהם".

אעפ"כ האט דער יו"ד זיך מתרעם געווען (נאר) צוליב דעם וואס איצטער האט ער מער קיין שייכות ניט מיט א צדקנית – "עד שהוסיפה ליהושע שנאמר ויקרא משה להושע בן נון יהושע", "התפלל עליו י-ה יושיעך מעצת מרגלים"[*131].

אריינשטעלן דעם יו"ד אין דעם שם "שרה" – קען מען ניט ע"ד הפשט, ווייל דעמולט איז מערניט שייך דער ענין פון "שרי לי" (כנ"ל); אבער היות אז ס'איז דא אן אָרט אויף די תרעומות אז דער יו"ד וויל ניט פארלירן זיין שייכות מיט א צדיק – האט מען אים אריינגעשטעלט אין שם "יהושע".

[אין מדרש[132] שטייט אז דער יו"ד שנטל הקב"ה משרי "נחלק היו"ד לשנים ה' לאברהם וה' לשרה"[*132], וואס לפי"ז קומט אויס אז דער יו"ד האט לכתחילה ניט קיין מקום לתרעומות; אבער ע"ד הפשט קען מען אזוי ניט זאגן, ווייל ע"ד הפשט רעדט זיך דא וועגן דעם אות יו"ד – איז וואס העלפט עס דעם יו"ד אז עס קומען צו צוויי ה"א'ין, עס קענען צוקומען צען ה"א'ין – איז דאס אויך קיין

---

131) בראשית ג, טז. *131) פרש"י עה"פ שלח שם. 132) ב"ר פמ"ז, א. יל"ש פרשתנו עה"פ (רמז פב). ויק"ר פי"ט, ב. במדב"ר פי"ח, כא. תנחומא קרח יב. *132) ל' הבמדב"ר ותנחומא שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

נפק"מ ניט צו דעם אות יו"ד! ס'איז מערניט וואס צוויי ה"א'ין האבן די גימטריא פון מספר יו"ד (עשרה) – אבער ע"ד הפשט רעדט מען דא ניט וועגן גימטריאות נאר וועגן אן אות יו"ד].

ברענגט רש"י דערפון א ראי' אויך בנוגע צו דעם רי"ש פון "אברהם" – "ואפילו רי"ש שהיתה בו בתחלה לא זזה ממקומה, שאף יו"ד של שרי נתרעמה כו' עד שהוסיפה ליהושע כו'": מה–דאך אז בנוגע צום יו"ד פון "שרי", וואס ער האט ניט קיין ארט אין "שרה", ווייל דעמולט איז זי ניט "שרי", אעפ"כ איז נתרעמה ווייל זי וויל זיין אין א שם פון א צדיק, און דערפאר "הוסיפה ליהושע" – עאכו"כ בנוגע צום רי"ש פון "אברם" (השייך צו "ארם") וואס האט אן ארט אויך בשם "אברהם" (ווייל אין "אב לכל העולם" איז אויך כלול וואס ער איז "אב לארם"), האט זיכער אן ארט אז דער רי"ש זאל דארטן בלייבן אין דעם שם פון א צדיק.

דערביי זעט מען דעם גודל הדיוק פון פרש"י, סיי בנוגע דערצו וואס ער איז מעתיק פון פסוק, סיי בנוגע צום תוכן וואס ליגט אין דעם ווארט "שאף" וואס רש"י שרייבט, און סיי אין דעם ווי דורך פרש"י ווערן באווארנט בדרך ממילא כו"כ ענינים, וביניהם – פארוואס טאקע איז דער רי"ש פון "אברם" געבליבן בשם "אברהם" און דער יו"ד פון "שרי" איז ניט געבליבן אין "שרה".

לה. ע"פ הנ"ל איז מובן דער ביאור ע"ד הפשט פארוואס דער רי"ש פון "אברם" איז געבליבן אין "אברהם".

ויש לקשר זה עם המבואר בחסידות:

מ'האט פריער גערעדט[133] אז ביז "אני הנה בריתי אתך והיית לאב המון גוים"[134] (וואס צוליב דעם איז געווען שינוי שם "אברם" צו "אברהם") זיינען געווען נשמות גבוהות אויך באוה"ע, אבער פון דעמולט אן איז דאס שייך נאר ביי אברהם ובבנ"י – "אני הנה בריתי אתך", די המשכת נשמות גבוהות איז "אתך" דוקא, און דערפאר איז שייך דעמולט זאגן אז אברהם איז געווארן "אב המון גוים".

ד.ה. אז בשעת מ'האט משנה געווען שם "אברם" צו "אברהם", איז ניט דער פשט אז ביי אברהם זיינען געווארן אויס אלע ענינים וואס זיינען פריער געווען בשעת ער איז געווען "אברם", נאר אדרבה: די נשמות גבוהות וואס זיינען געווען פון פריער ווען ער איז געווען "אברם" ("אב לארם", שהוא מקומו) זיינען איצטער נמשך געווארן דוקא צו אברהם.

עפ"ז איז מובן פארוואס ווען ער איז געווארן "אברהם", "אב המון גוים", בלייבט ביי אים דער רי"ש וואס איז געווען פון

133) בהמאמר – ד"ה אני הנה בריתי אתך. וש"נ. 134) פרשתנו יז, ד.


SichosKodesh.com

פריער (זייענדיק "אברם") – ווייל דעמולט ווערן צו אים (דוקא) נמשך די נשמות גבוהות וואס זיינען געווען פון פריער ווען ער איז געווען "אברם" מיט א רי"ש.

ובפרט ע"פ המבואר בתורה אור[135] פרשתנו אז "אברם" איז "אב רם", שכל הנעלם מכל רעיון. און בשעת ער איז געווארן "אברהם" "אב המון גוים" איז ביי אים ניט געווארן אויס דער ענין פון "אב רם", שכל הנעלם מכל רעיון, נאר דאס איז ביי אים געבליבן (און ס'איז נמשך געווארן בעולם כמבואר שם), דעריבער דארף אין "אברהם" אויך זיין די ווערטער "אב רם" (מיט דעם רי"ש), דערפאר בלייבט ביי אים דער רי"ש*[135].

לו. די הוראה דערפון אין עבודת האדם:

עס שטייט אין תניא[136] אז די אבות זיינען מוריש זייערע ענינים צו בניהם, יעדער איד עד סוף כל הדורות. איז דערפון מובן, אז די צווי ענינים וואס זיינען געווען ביי אברהם – "אברם", "אב לארם שהוא מקומו", און "אברהם" וואס איז צוגעקומען ע"י הברית מילה שלו, "אב המון גוים", "אב לכל העולם" – זיינען פאראן ביי יעדן אידן:

לכל לראש דארף א איד אויפטאן ע"י עבודתו במקומו, אז ניט נאר וואס ער זאל ניט נתפעל ווערן פון דעם מקום ואנשי המקום, נאר ער זאל דארטן אויפטאן, ביז אז דער מקום ואנשי המקום העלפן אים ארויס בעבודתו, ווייל זיי זיינען מרגיש אז ער (דער איד) איז דער "אב" במקום זה, ביז אז זיי זאלן מרגיש זיין אז ער איז "אב רם", שכל הנעלם מכל רעיון.

דערנאך קומט צו אין אידן ע"י הברית מילה

– וואס דאס איז שייך צו יעדן אידן, ביז אז, איינער וואס מאכט א נדר "שאיני נהנה לערלים – מותר בערלי ישראל"[137], ווייל אידן זיינען "מולים", און "לא ידח ממנו נדח"[138]. ועאכו"כ בנוגע צו נשי ובנות ישראל, ד"אשה[139] כמאן דמהילא דמיא"[140] –

אז ער ווערט "אברהם", "אב המון גוים", "אב לכל העולם" – און ער טוט אויף (ניט נאר במקומו, נאר אויך) בכל העולם כולו באופן הנ"ל (ווי ער טוט אויף במקומו).

---

135) בתחלתו. וראה גם תו"ח שם (פ, א). אוה"ת שם (כרך ו) תתרעב, א ואילך. *135) תו"א שם יב, רע"ג. אוה"ת שם (כרך ד) תשטו, א. 136) פי"ת. 137) נדרים פ"ג מי"א (לא, ב). 138) ע"פ ל' הכתוב – ש"א יד, יד. וראה הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ג. תניא ספל"ט. 139) ע"ז כז, א. 140) ראה גם תפא"י למשנה שם.

און האבנדיק דעם הון יקר מכל יקר – ווערט "הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל ומלאו פני תבל תנובה"[141] – פון יעדער איד קומען ארויס פירות ופירי ופירות עד סוף כל העולם, וכפירוש החסידות בזה – עד סוף פון דער העלם והסתר פון עולם (עולם מלשון העלם[142] והסתר),

אז ס'ווערט דער סוף פון דעם חושך הגלות, און ס'קומט גלייך די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

לז. דער ביאור אין דער הערה אויפן זהר:

אין דעם זהר סוף פ' לך איז מרומז דער סדר פון התגלות פנימיות התורה (כמובן פון דעם פירוש בזה אין דער הערה פון טאטן אויפן זהר):

בזמן הרשב"י זיינען געווען די אלע הגבלות אויף לימוד פנימיות התורה, אז ס'זאל זיין בהתכסות ובהעלם, און אז "לא אתגליין (פנימיות התורה) אלא בינגא" (ברשב"י וחביריו) וכו'.

וואס דאס איז אויך מתאים דערמיט וואס עס שטייט במקום אחר בזהר[143] אז רשב"י האט אריינגערופן נאר עטלעכע פון זיינע תלמידים בכדי זיי צו מגלה זיין רזין דאורייתא, און האט געמאכט כמה הגבלות בזה: "וכך אסדרנא לכו ר' אבא יכתוב ור' אלעזר ברי ילעי כו'".

דאס רעדט זיך וועגן זמן רשב"י; אבער לע"ל, ב"אחרית הימים", וועט זיין דער גילוי פון פנימיות התורה בשלימותה אָן קיינע הגבלות. און נאך לפנ"ז – בסוף זמן הגלות, לויט אלע סימנים בסיום מסכת סוטה, ווען "כלו כל הקיצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה"[144] – האט מען אויך דער גילוי פון פנימיות התורה,

כמבואר בזהר[145] גופא בשייכות צום פסוק (אין פ' נח[146]) "בשנת שש מאות שנה לחיי נח וגו' נבקעו כל מעיינות תהום רבה וארובות השמים נפתחו": "ובשית מאה שנין לשתיתאה יפתחון תרעי דחכמתא כו'", ד.ה. אז אין די יארן פון שש מאה שנה דאלף הששי וועט זיין דער גילוי פון פנימיות התורה. ביז אז "כד יהא קריב ליומי משיחא אפילו רביי דעלמא זמינין לאשכחא טמירין דחכמתא כו'"[147].

---

141) ישעי' כז, ו. וראה תו"א ואוה"ת ד"ה זה (בס' שמות). 142) לקו"ת שלח לז, סע"ד. שה"ש יז, סע"א. 143) אדר"ז – זח"ג רפז, ב. 144) סנהדרין צז, ב. 145) ח"א קיז, א. 146) ז, יא. 147) זהר שם קיט, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com